

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**

**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת משפטים תשמ"ג לפ"ק

גליון ה'

## שאלה

**פון וואס נעמט זיך די אויפפירונג פון מענטשן, אז מען זאגט זיי גוט מארגן און זיי ענטפערן נישט?**

## ענטפער:

דער גאר שלעכטער מנהג פון פארנאכלעסיגן צו ענטפערן איז א תוצאה פון ווייניג חינוך. מענטשן דארפן ווערן טרערנירט. און איך מוז דאס זאגן, דו קענסט נישט לערנען גמרא נאר מיט רש"י; דו דארפסט האבן תוספות; דו דארפסט מפרשים. דער אמת איז אבער, אפילו פאר רש"י און תוספות דארפסטו האבן א רבי. פאר דעם איז דא ראשי ישיבות וואס זענען מסביר די סוגיא. עס איז נישט גענוג צו זיצן אליינס און לערנען, ווייל אסאך מאל וועט דיר פעלן די ריכטיגע אנערקענונג וואס עס שטייט דא.

ווען אינגלעך לערנען למשל בבא קמא אין א ישיבה, און זיי לערנען וועגן די ארבעה אבות נזיקין, 4 וועגן פון שעדיגן, און זיי לערנען אז איינס פון די מזיקים איז "אדם", א מענטש איז א מזיק. יעצט איז נישט גענוג צו לערנען דעם שטיקל גמרא. דער רבי - סיי-ווער ער איז - אפילו אין די גרעסטע ישיבה מוז נעמען צייט צו ערקלערן פאר זיינע תלמידים וואס עס מיינט ווען מענטשן שעדיגן א צווייטנס אייגנטום.

אויב א אינגל פארט אויף א בייק, און דא ליגט פריש-געלייגטע "פעיווינג", און ער איז לייכטזיניג אדער א וואנדאל, און פארט ארויף מיט זיין בייק אויף די נאסע צעמענט און שעדיגט עס אויף אייביג, דאס איז וואנדאליזם. א ישיבה קינד וואס טוט אזא זאך איז נישט געווארן גוט אויסגעלערנט.

קינדער דארפן געלערנט ווערן נישט צו דורכפירן וואנדאליזם, דאס רופט זיך "נזיקין", מען טאר נישט זיין קיין מזיק. עס איז נישט גענוג צו לערנען, עס דארף ווערן ערקלערט אין פראקטישע וועגן דורך דעם לערערין אדער רבי.

ווען די גמרא זאגט אז א מענטש וואס ענטפערט נישט ווען מען גרוסט אים, איז פאררעכנט ווי א גזלן, דאס דארף ווערן אויסגעלערנט פאר קינדער, דאס דארף ווערן אויסגעלערנט אויך פאר ערוואקסענע. דו מוזט ענטפערן אויב עמיצער גרוסט דיר, און עס איז א שלעכטע קראנקהייט ווען מענטשן זענען אזוי רוי, אזוי נישט מחונך, אז זיי פארשטייען דאס נישט.

אסאך מענטשן ענטפערן יא, אבער עס איז כמעט אוממערקבאר. זיי געבן א שאקל, און דו דארפסט האבן א מייקראסקאפ, א ספעציעלע אינסטרומענט אויפצוכאפן אז זיי האבן געשאקלט זייער קאפ. אדער מורמלט ער עפעס; און דו דארפסט האבן עפעס א מאשין צו מאכן העכער דעם קול. מען דארף ענטפערן "קלאר", און ער זאל מאכן א מערקבארע תנועה מיט זיין קאפ, ער זאל ווייזן אנערקענונג פאר דעם וואס גרוסט אים, דאס איז די מינימום וואס א מענטש זאל טון.

די לימודים דארפן ווערן אויסגעלערנט פאר די קינדער דורך עלטערן. קינדער דארפן ווערן מחונך צו די רעאליטעט פון תורה אין פאקטישן לעבן. ווייל אז נישט טוען זיי נישט פראקטיצירן די "טעאריעס" וואס זיי זענען געלערנט געווארן.

איך ווייסט אז ס'זענען דא בחורים וועלכע לערנען וועגן גנב'ענען אין די גמרא, און אסאך פון זיי האבן גוטע קעפ, זיי רעדן וועגן תשלימי כפל און ענליכע זאכן, זיי קענען גוט די הלכות, און דאך וואלט זיי נישט געטראכט קיין צוויי בעפאר'ן גנב'ענען א גמרא פון א בית המדרש עס צו נעמען אין ישיבה אן רשות.

יעצט וואס איז פשט פון דעם? עס באדייט אז טעאריע און פראקטיק זענען צוויי אנדערע זאכן, עס ליגט אויפ'ן רבי'ן

איבערצוטייטשן די הלכות צו למעשה'דיגע פאקטן. מען טאר נישט נעמען א צווייטנ'ס גמרא, דו דארפסט פרעגן רשות. דו קענסט נישט נעמען א ספר פון א ביהמ"ד אן פרעגן רשות.

*

## שאלה

## וואס ענטפערט מען פאר איינעם וואס בעט איבערצייגונג אויף די אויטענטישקייט פון אונזער תורה?

## ענטפער:

איז מיר זאגן צום פרעגער, מיר געבן דיר איבער דאס ווארט, און אדרבה, פרעג עס אפ. ביטע איבערצייג דו אז די תורה איז (ח"ו) נישט אמת.

די תורה איז דא. דא ליגט עס, און מיר זענען דא. מיר זענען די פאלק וועלכע זאגן אז אונזערע עלטערן האבן אונז איבערגעגעבן די תורה, וואס זיי האבן באקומען פון זייערע עלטערן, און מיר האבן א מסורה אז משה רבינו האט עס זיי געגעבן. אונזער גאנצע פאלק איז געשטאנען ביים בארג סיני און זיי האבן געהערט הקב"ה רעדט צו משה, און אין אונזער אנוועזנהייט האט ער באאויפטראגט משה אונז איבערצוגעבן די תורה. מיר האבן געהערט ווי דער אויבערשטער זאגט - משה רבינו, דו גייסט רעדן צו די אידן אין מיין נאמען פון יעצט אן.

און טאקע דערפאר, ווען משה רבינו האט אונז געגעבן די תורה איז ער געשטעלט געווארן דורך הקב"ה אין די אנוועזנהייט פון 600,000 מענער צווישן 20 און 60 יאר, דאס איז אויסער די עלטערע מענטשן, די יונגערע און די פרויען.

דאס איז אונזער טענה. קיין שום אנדערע פאלק אויף דער וועלט האט קיינמאל נישט גע'טענה'ט אזא באהויפטונג. נישט די מאכמודאנער. אודאי, די מוסולמענער זאגן אויך אז די תורה איז אמת, ווייל די אידן זאגן אזוי. די קריסטן זאגן אויך אז די תורה איז אמת, וויבאלד די אידן זאגן אזוי. די וויקינגס האבן נישט קיין שום מסורה, די בודאהיסטן האבן נישט קיין מסורה, זיי מאכן נישט אזעלכע באהויפטונגען. מיר זענען די איינציגסטע וואס טענה'ן אז הקב"ה האט עס אונז געגעבן.

און אויב דו וועסט פרעגן, פון וואו ווייסן מיר אז דאס איז אמת? וועלן מיר דיר פרעגן א קשיא: פון וואו ווייסטו אז עס איז געווען א דזשארדזש וואשינגטאן? איבערצייג אז ס'איז געווען אמאל אזא מענטש דזשארדזש וואשינגטאן. וועסטו זאגן אז ס'איז דא ביכער. מיר האבן אויך ביכער. וועסטו זאגן אז וואשינגטאן איז געווען לעצטנס און אונזער מעשה איז אן אלטע. איז דא עמיצער וואס לעבט היינט און האט געזעהן דזשארדזש וואשינגטאן? עמיצער דא האט געזעהן א מענטש וואס האט געזעהן וואשינגטאן? פון וואו ווייסטו אז ער האט בכלל געלעבט? ס'איז "אמונה", דו גלייבסט אנדערע מענטשן.

איז דארפן מיר יעצט גלייבן אומארגאניזירטע פעלקער, וואס ס'איז געווען אזויפיל שיכורים צווישן זיי, און אזויפיל פארגרעבטע מענטשן. אזא פאלק זאגט עדות אז דזשארדזש וואשינגטאן איז געווען אנוועזנד, און מיר נעמען אן זייער עדות'שאפט.

פיין, וועסטו זאגן אז ס'איז דא אזויפיל דאקומענטן; עס איז טאקע דא אסאך דאקומענטן. דו דארפסט דאקומענטן? יוסיפוס האט געשריבן צוויי טויזנט יאר צוריק א גרויסע דאקומענט. דאס איז טויזנטער יאר צוריק, איז דאס איז נאך אזא גוטע באווייז ווי סיי-וועלכע באווייז וואס דו וועסט ברענגען אויף סיי-וואס עס האט נאר פאסירט דריי הונדערט יאר צוריק אין אמעריקע.

דערפאר שטייען מיר אויף פעסטע ערד, מיר האבן א היסטארישע טראדיציע. מיר זענען נישט איין מענטש, מיר זענען א פאלק. און אונזער גאנצע פאלק איז אלץ געווען פאראייניגט הינטער דעם. עס איז קיינמאל נישט געווען אפילו איין איינציג איד וואס האט נישט געגלייבט אז משה האט באקומען די תורה פונעם אויבערשטן, ביז פאר בערך 150 יאר צוריק. נישט די קראים, נישט די צדוקים, קיינער פון זיי האט עס נישט געלייקנט – זיי האבן אלע געגלייבט. עס איז נישט געווען קיין איין איינציגע איד ביז צו די צייטן פון די דייטשע אסימילאנטן און רעפארמער הונדערט און פופציג יאר צוריק וואס האט געלייקנט אין די תורה. אונזער גאנצע פאלק איז געשטאנען הינטער די מסורה. איבריג צו ערוועגען די פאקט אז די קריסטן און מוסולמענער אלע זאגן די זעלבע זאך וועגן אונזער תורה, אז מיר האבן עס באקומען פון השי"ת.

איז דעריבער אויב איינער וויל ברענגען ראיות קעגן די אויטעניטישקייט פון די תורה, וועלן מיר אים גערן געבן די בימה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינאלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com